בס"ד

# דעם רבינ'ס ליכט

קדושים תשפ"ב
גליון 90

דער ריינער קוואל



אַייעֶרע קִינְדֶער זָאלְט אִיר מוֹדִיעַ זַיין
וָואס דָא הָאט זִיך גִיטָאן (שיהר"ן ר"ט)

בס"ד

אשרינו מה טוב חלקינו אז מיר האבן זוכה געווען צו אזא הייליגן יום טוב. מיר האבן זוכה געווען צו עסן די הייליגע מאכלים פון מלאכים די מצה וואס מען איז זוכה דורכדעם צו אמונה, אזוי אויך די ד' כוסות פון גאולה וישועה.

מיר פארגעסן נישט די הכנות צום יום טוב ווען מיר האבן טעג און וואכן נאכגערוימט און מבטל געווען דעם חמץ פון שטוב און פון אונזער הארץ.

וויפיל דארפן מיר דאנקן דעם באשעפער אז ער האט אונז מזכה געווען צו אזעלכע הייליגע זאכן.

מיר האלטן שוין אינמיטן די טעג פון ספירת העומר לאמיר זען א קליין שטיקל אין ליקוטי הלכות (פסח ט') וויאזוי ר' נתן טייטש דעם פסוק "וספרתם לכם ממחרת השבת".




אין תורה שטייט וספרתם לכם, דרש'נען חז"ל '**לכם**' – לעצמכם' אז יעדער איד דארף ציילן ספירה פאר זיך. פון דעם קען מען זיך מחזק זיין אז יעדער איינער דארף דינען דעם באשעפער לויט זיין ענין און זיין מצב און עלטער, און נישט אראפפאלן ביי זיך און האבן חלישות הדעת פון אנדערע קינדער וואס דאכט זיך אז זיי זענען בעסער פון אים.

עס איז דא א קליין תורה'לע וואס רופט זיך "אחד הי' אברהם", וואו דער רבי זאגט אז דער עיקר התקרבות צום באשעפער פון אברהם אבינו איז געווען אז שטענדיג האט ער געטראכט ביי זיך אז ער איז איינער אליין אויף דער וועלט, ער האט נישט געקוקט אויף קיין שום מענטש וואס האט געלאכט פון אים א.ד.ג.

דער הייליגער רבי פארציילט אונז טאקע אין דער מעשה פון חכם ותם, אז דער תם איז געווען א שוסטער און האט נישט געקענט די מלאכה פון שוסטעריי אזוי ווי עס דארף צו זיין, זיינע שיך וואס ער האט פארקויפט האט געהאט דריי עקן, אבער ער האט זיך בארימט מיט זיין שיך און געזאגט: "ווי שיין און ווי זיס איז די שיכעלע!", ווען זיין ווייב האט אים געפרעגט: "פארוואס אנדערע שוסטער'ס נעמען די גולדן פאר א פאאר שיך און דו נעמסט נאר א גולדן מיט א האלבן?" האט ער געענטפערט: "דאס איז יענעמ'ס מעשה און דאס איז מיין מעשה, און ווייטער וואס האבן מיר צו רעדן פון אנדערע?".

זאגט ר' נתן אז אין די מעשה קען מען פארשטיין אפאר זאכן וואס איז נוגע צו עבודת ה', אז מען דארף זיך פירן מיט תמימות און זיין שטענדיג פריילך, אפילו אז דער מענטש איז א גרויסער ארימאן בגשמיות, ווען זיינע חברים האבן אפאר מאל טאפלט מער פון אים, עסן מיט טרינקען, בגדים און אלע אנדערע געברויכן, דארף א

המשך אויף זייט 3




א גרויסער קידוש השם איז פארגעקומען ביים "מעמד סיום סיפורי מעשיות", פארגאנגענעם חול המועד פסח. נאכדעם וואס הונדערטער ברסלב'ע קינדער האבן זיך צאמגענומען פארגאנגענעם חול המועד זיך צו פרייען מיט דער סיום פון די הייליגע מעשיות נאכן דורכגיין מער פון א יאר ווען 'וואך איין וואך אויס', זענען די קינדער געווען פארנומען מיט די מעשיות.

באלד ביים עפענען דעם מעמד, האט זיך גלייך אנגעזען די דרך ארץ און איידלקייט וויאזוי ברסלב'ע קינדער פירן זיך אויף, טראצדעם וואס נישט אלע קינדער האבן זיך געקענט, ווען עס זענען זיך צאמגעקומען קינדער פון אלע עקן שטאט און פון פארשידענע ברסלב'ע שולן און געגנטער פון בית שמש און פון ירושלים און נאך געגנטער האט מען אבער פארט געזען ווי אזוי אלע קינדער זיצן אונטערן שאטן פון דעם גרויסן בוים - אונזער הייליגער רבי מיט איידלקייט און גרויס דרך ארץ.

מען האט אנהייב מעמד ארויסגעברענגט דאס וואס דער רבי דערציילט טאקע אין סיפורי מעשיות אז עס איז דא א בוים וואס אונטער דעם בוים איז פארהאן אן אחדות אויף אזוי ווייט אז אפילו חיות און בהמות ועופות לעבן אינאיינעם גאר וואונדערליך.

דאס האט מען קלאר אנגעזען ביי דעם מעמד, ווי אזוי די קינדער נישט קיין חילוק אין וועלכן עלטער אדער פון וועלכע געגנט ער קומט, זענען אלע אינאיינעם געקומען פאר דעם איינציגן סיבה, צו הערן א דיבור, א מעשה, א ניגון פונעם נחל נובע, דער הייליגער רבי וואס מען קומט זען זיין פְּאֵר, זיין חן און יופי, דאס וואונדערליכקייט ווען זיינע חסידים קומען זיך צוזאם, מיט בענקעניש צו הערן עפעס עצות, דרכים פון זיין קוואל וואס האלט אין איין גיין און אונז באגיסן מיט רחמנות און ווארימקייט. ווערט מען צוגעצויגן צום דעם צדיק אמת און מען באקומט פון זיינע מדות, אמת, ענוה, שפלות א.א.וו.

ווער עס איז נאר געשטאנען אין דער זייט האט זיך נישט געקענט אפוואונדערן און אויסגערופן: "עס איז ווערד צו קומען פון אלע עקן וועלט זיך אריינצושטופן דאס קאפ מיטצוהאלטן אזא מעמד".

גלייך ביים אנהויב מעמד האט מען געזונגען מיט די קינדער אינאיינעם שיינע ניגונים פון יום טוב ווי, אתה בחרתנו, ושמחת, והוא שעמדה, א.א.וו. באגלייט מיט הערליכע מוזיק.

פאר מען האט געהערט די גאר שיינע רייד פון הרה"ח ר' שמעון אלי' ברוין הי"ו האבן מען פארגעזונגען דעם ניגון וואס מען זינגט אויף טל, ווען אלע קינדער זינגען מיט אזא ברען און

המשך אויף קומעדיגער זייט

כיסופים צום יום טוב.

דערנאך האט מען געהערט די גאר פאסיגע און טרעפליכע ווערטער פון ר' שמעון אלי' [זע באזונדער די דרשה אינעם היינטיגן גליון].

לָאמִיר דֶערְצֵיילְן, לָאמִיר דֶערְצֵיילְן דִי מַעֲשִׂיּוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן

לָאמִיר דֶערְצֵיילְן, לָאמִיר דֶערְצֵיילְן: דִי מַעֲשֶׂה פוּן אֲבֵדַת, בַּת מֶלֶךְ

זינגען ארויס אלע קינדער אינאיינעם מיט דעם באקאנטן ניגון פונעם הייליגן מליץ ר' לוי יצחק פון בארדיטשוב זי"ע, ווען די קינדער ליינען דאס ארויס פון דעם ספעציעלן גאר רייכער ביכל וואס איז געווען באצירט מיט שיינע בילדער און הערליכע גראמען אראפגעברענגט די מעשיות פאר די בני הנעורים.

צום ערשט האט מען געזינגען די ערשטע מעשה מיטן המשך פונעם ניגון:

נֶעבֶּער נֶעבֶּער נֶעבֶּער, דִי פַּארְלוֹירֶענֶע בַּת מֶלֶךְ

אִיר זוּכְן אַ לַאנְגֶע דֶרֶךְ, גֵייט דֶער שֵׁנִי לְמֶלֶךְ

כָּאטְשׁ כָּאטְשׁ כָּאטְשׁ, עֶר הָאט אִיר נִישְׁט גֶעטְרָאפְן

דָאךְ דָאךְ דָאךְ, הֶערְט עֶר נִישְׁט אוֹיף צוּ הָאפְן.

נאך דעם ערשטן ניגון, איז מען אריבער געשפרינגען צו די מעשה פון מלך עניו וואו דער רבי פארציילט: "עֶס אִיז פַּארְהַאנְדְן אִין אַלֶע מדִינוֹת אֵיין מְדִינָה וָואס דִי מְדִינָה, אִיז כּוֹלֵל אַלֶע מְדִינוֹת און אִין דֶער מדִינָה אִיז פַּארְהַאנְדְן אַ שטָאט וָואס דִי שטָאט, אִיז כּוֹלֵל אַלֶע 'שְׁטֶעט', פוּן גָאר דֶער מְדִינָה וָואס זִי אִיז כּוֹלֵל אַלֶע מְדִינוֹת.

און אִין דֶער שְׁטָאט אִיז פַּארְהַאנְדְן אֵיין שְׁטוּב וָואס זִי אִיז כּוֹלֵל אַלֶע שְׁטִיבֶּער, פוּן דֶער גַאנְצֶער שְׁטָאט און דָארט אִין דֶער שטוּב אִיז פַּארְהַאנְדְן אַ מֶענטש' וָואס עֶר אִיז כּוֹלֵל גָאר דִי שְׁטוּב."

אז מען האט דערמאנט דעם הייליגן שטוב וואס אלע קינדער פארשטייען אז דאס מיינט מען דעם הייליגן קודשי קדשים וואו נאר איינמאל אין יאר האט דער כהן גדול געמעגט אריינגיין. און היינט זענען מיר ליידער אין גלות און מען קען נישט ארויפגיין עולה רגל זיין, האבן די קינדער געזינגען אינאיינעם גאר ווארעם דעם באקאנטן באבוב'ער ניגון אויף 'איזהו מקומן'.

אנהייבנדיג מיט די ווערטער:

המשך אויף קומעדיגער זייט

דער ריינער קוואל

המשך פון זייט 1

מענטש זיין זייער פרייליך מיט וואס ער האט, און זאל זיין אן עשיר השמח בחלקו.

דאס זעלבע אין עבודת ה' ווען א אינגל זעט ווי זיינע חברים זענען חשוב'ער און פיל גרעסער פון אים, מער פון טויזנט מאל גרעסער אין תורה ותפלה, טאר מען נישט אראפפאלן ביי זיך בשום אופן, אזוי ווי ביי די מעשה פונעם תם, וואס די שיך מיט דריי עקן איז מרמז אויפן דאווענען, מיט דעם אלעם אפילו אויב דאס דאווענען קוקט נעבעך אויס אן א פנים און אן א טעם דארף מען זיך זייער מחזק זיין און מאכן אן עסק דערפון.

טראץ וואס מיינע חברים קענען מיך אנקוקן ווי דער שטאט'ס נער, וועל איך ציילן ספירה פאר מיר און זיך פרייען מיט יעדע קליינע נקודה וואס מען פארדינט.

דער אויבערשטער זאל העלפן מיר זאלן זיין אזוי ווי דער הייליגער תם און מיר זאלן זוכה זיין צו תמימות באמת און זיין שטענדיג פרייליך.

קִינְדֶערְלֶעךְ דֶערְמַאנְט אַייךְ פָּארְט
וָואס ס'הָאט זִיךְ גֶעטוּן אוֹיף דֶעם אָרְט
אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִין יְרוּשָׁלַיִם...

פארן ממשיך זיין צו די קומענדיגע מעשה, האט מען זייער מעורר געווען די קינדער צו בעטן דעם אויבערשטן ביי דעם גרויסן מעמד אז אלע קינדער און אלע אידן זאלן זוכה זיין צו קענען פארן צום רבי'ן אויף ראש השנה. מען האט ממשיך געווען מיט דעם ניגון פון 'איזהו מקומן' מיט גראמען אויסגעשעטעלט אויף די ווערטער, ווען די קינדער זינגען מיט רגשי לב און בענקעניש צום הייליגן רבי'ן.

1

עֶס אִיז נִישְׁט מֶער וִוי יוֹשֶׁר
אִין דֶעם שְׁעַת הַכּשֶׁר
צוּם בַּאשֶׁעפֶער אַ תְּפִלָּה
פַּארְן רֶבִּי'נְס רֹאשׁ הַשָּׁנָה
דֶער צִיּוּן דֶער בַּארְג פוּן נַחַל נוֹבֵעַ
דָאס אָרְט וִוי דֶער בַּאשֶׁעפֶער
אִיז זִיךְ אַזוֹי מְשַׁעֲשֵׁעַ
מִיר זָאל זוֹכֶה זַיין דָאס יָאר אַהִין צוּ קוּמֶען

2

דֶער רֶבִּי בֶּענְקְט, אוֹי, נָאךְ וִוי
אוּן עֶר פְּרֶעגְט אֵיזֶהוּ
צוּ זֶען דִי לִיכְטִיגְקַייט
וָואס מִיר פָּארְן אוֹיף דִי דְּרָכִים
רֶבִּי רֶבִּי, אוֹי נָאךְ וִוי
מִיר פְּרֶעגְן אוֹיף דֶעם אֵיזֶהוּ
מִיר ווִילְן גֵייְן אִין דַיינֶע דְּרָכִים
2 X מִיר ווִילְן בְּלַייבְּן בַּיי דִיר אוֹיף נֵצַח נְצָחִים.

דאן האט מען געזינגען די מעשה פון 'בן המלך מאבנים טובות'
אַיי לַיי, לָא לָא, לָא לָא,
זִיצְט זִיךְ דֶער מֶלֶךְ בַּיים לֵיידִיגֶע ווִיגֶעלֶע,
קַיין קִינְד אִיז נִישְׁט דָא.

אויף ניגון פון ר' יו"ט ערליך [דער צדיק וואס וויגט דעם קינד פאר כל נדרי]

און שפעטער נאכן ברכה פונעם צדיק זיצט שוין דער קעניג ביים וויגעלע און א קינד איז שוין דא! און מען גייט ווייטער צום קומענדיגן ניגון.

איי ווער קען נישט ר' יו"ט ערליך'ס 'יוסף מוקיר שבת' דאס מאל ווערט עס געזינגען פאר די מעשה פון חכם און תם, און אלע קינדער זינגען מיט מיט א פלאם!

אִין אַ שְׁטֶעטְל אִין אַ כִּיתָּה
צְוֵויי חֲבֵרִים זֵייעֶר גוּטֶע
אֵיינֶער אִיז אַ תָּם, אֵיינֶער אַ חָכָם
דֶער תָּם פִירְט זִיךְ בִּתְמִימוּת
עֶר הָאט קַיינְמָאל קַיין תַּרְעוֹמֶת
דָאס הָאט אִים גֶעפִירְט אוֹיף גוּטֶע דְּרָכִים
דֶער צְווייטֶער אַ חָכָם, אַ גְרוֹיסֶער
עֶר ווִיל וַואקְסְן אַ דָאקְטֶער, אַ גְרוֹיסֶער עוֹשֶׁר
זַיינֶע חָכְמוֹת הָאבְּן אִים אַרַיינְגֶעפִירְט
יָארְן לַאנְג אִין בְּלָאטֶע פַארְשְׁמִירְט
.....



פון דארט איז מען אריבער צום 'בעל תפלה', ארויסברענגעדיג אין עטליכע קורצע ווערטער וואס דער בעל תפלה וויל און וואס מיר לערנען זיך פון אים.

אויפן ניגון: מי, מי אנכי שאזכה, אז אפילו קליינע קינדער זאלן פארשטיין וואס דער בעל תפלה וויל פון אונז.

גָאר מַיין זַאךְ אִיז תְּפִלָּה

תְּפִלָּה מֵיינְט אֱמוּנָה

עֶס אִיז דָא, אַ בַּעַל תְּפִלָּה, אוֹיף דֶער וֶועלְט

וָואס לַאכְט אָפּ פוּן דִי גַאנְצֶע גֶעלְט

עֶר זָאגְט:

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, דוּ הָאסְט גֶעהֵייסְן דַאוֶונֶען, אוֹי אוֹי אוֹי דַאוֶונֶען פַאר דִיר

גְרוֹיסֶער בַּאשֶׁעפֶער, וֶועל אִיךְ יֶעצְט דַאוֶונֶען, אוֹי אוֹי אוֹי דַאוֶונֶען פַאר דִיר.

[עס איז באזונדער ארויסגעברענגט געווארן אז דאס וואס מען האט לעצטנס אנגעהויבן מאכן בילדער פון סיפורי מעשיות, אזוי אויך די ניגונים וואס מען האט געמאכט אויף די מעשיות, מען זאל חס ושלום נישט מיינען אז דאס זענען פראסטע מעשיות, ווייל די מעשיות האט דערציילט דער הייליגער רבי און זיין כוונה איז געווען מיר זאלן גאט דינען און זיין ערליכע אידן, נאר אזוי ווי מען זעט אז מען האט מתיר געווען צו מאכן בילדער פאר די קינדער וואו מען זעט משה רבינו אדער די אבות הקדושים, מיינט מען נישט מיט דעם אז אזוי האבן זיי אויסגעקוקט, מען מאכט די בילדער נאר כדי די קינדער זאלן באקומען א חשק, אבער מען זאל נישט מיינען אז די בעטלערס, דער חיגר, דער בערגער, דער תם א.א.וו. האבן אזוי אויסגעקוקט, ווייל די מעשיות זענען גאר הויך און זיי קומען פון שנים קדמוניות, און מיט רשות פון גאר חשוב'ע זקני אנשי שלומנו האבן מיר געמאכט די בילדער, אבער מען דארף דאס געדענקען אז די מעשיות זאלן נישט בלייבן אין קאפ אויף א קינדערישע וועג].

דאן איז מען צוגעגאנגען צום סיום ווען מען האט ארויסגערופן א חשוב'ער אינגל וואס האט געענטפערט די מערסטע תשובות און צוגעקומען העכער 800 נקודות, תירוצים אויף סיפורי מעשיות.

נאכן סיום האט מען געהערט א קדיש און ארויס אין א טענצל, מיט א יום טוב'דיגער ניגון משכינו אחריך נרוצה, און אזוי ווייטער והוא שעמדה, בך רבינו וכו'.

איי 'דתפתח, לבאי, דתפתח לבאי, לבאי באורייתא' זינגען אלע קינדער אינאיינעם מיט א געבעט צום באשעפער פארן אנהייבן פריש דעם הייליגן ספר סיפורי מעשיות, און מען איז ממשיך מיטן ניגון פון 'יצוה צור', ווען הונדערטער תינוקות של בית רבן זינגען ארויס מיט זייערע קול'לעך צום באשעפער פאר גאר א נייע התחלה.

פארשטייט זיך אז ווען ברסלב'ע קינדער זינגען דעם באקאנטן ניגון פון יצוה צור איז מען גלייך ממשיך מיטן 'מלך שהשלום שלו' ווען אלע קינדער אינאיינעם זינגען מיט א בקשה 'ויזכו לראות בנים ובני בנים, ברסלב'ע חסידים, צדיקים יראים ושלמים'.

די התחלה פונעם ספר איז אויך געווען דורך איינע פון די חשוב'ע קינדער וואס האט אויך אנגעזאמלט גאר אסאך נקודות.

ווען אלע קינדער אינאיינעם האבן פארגעזאגט און געמאכט דעם התחלה הויך מיט די ווערטער:

"אויפן וועג האב איך דערציילט א מעשה, וואס ווער עס האט זי געהערט האט געהאט א הירהור תשובה, און דאס איז די מעשה".

מען זיצט שוין אזא לאנגע צייט אויף די בענקלעך אבער אלע קינדער האבן מיטגעהאלטן און אויפגעלעבט ווען מען האט אנגעהויבן פארהערן די קינדער שאלות, א דוגמה ווי: אין וועלכע מעשה ווערט נישט דערמאנט דאס ווארט מלך?! מען גייט דורך אלע מעשיות. די קינדער זענען דאך גאר באקאנט אין די מעשיות זיי שרייען אויס 'רב ובן יחיד'!!

אזוי איז מען אדורך נאך גאר אינטערסאנטע שאלות, עס האט זיך זייער קלאר אנגעזען אז מען רעדט דא פון קינדער וואס קענען גוט די מעשיות, ממש צום באוואונדערן!!

צום צווייטן חלק פון מעמד, איז פארגעקומען גאר א שיינע פארשטעלונג פון עטליכע חשוב'ע ברסלב'ע אינגעלייט וואס האבן געשפילט די 'מעשה ממרור', ווי אזוי עס קוקט אויס ווען מען קען נישט אויסווארטן "נאך איין מינוט!" ווען דו ווארטס נאך איין מינוט וואלסטו נישט געבליבן הונגעריג, נאר בארויגט דיין הונגער מיט די בעסטע מאכלים וואס אידישע קינדער עסן דעם הייליגן נאכט ביי שלחן עורך, ווי פיש, זופ, פלייש, קאמפאט, און וואס נישט?!

נעבעך ווי אזוי קוקט אויס א גוי וואס אנטלויפט ביים מרור, איין מינוט פאר עס קומט א גוטס! און אזוי ווי אלע לעכטיגע משלים פון רבי'ן האט די משל אויך גאר א שטארקן כח צו דערמאנען דעם מענטש ער זאל האבן 'המתן' 'אויסווארטן' 'געדולט'.

אט אט אט, דו באקומסט שוין וואס דו דארפסט באקומען!

דער שפיל האט אריינגעברענגט א שמחה אין די קינדער און שיין צוגעענדיגט דעם צווייטן חלק פונעם מעמד.

ווארט! לאמיר נישט פארגעסן פון די שיינע גורלות, וואס איז פארגעקומען. אבער וואונדערליך איז געווען אז עטליכע קינדער וואס האבן געהאט גאר אסאך נקודות האבן זוכה געווען בגורל, אזוי ווי דער רבי זאגט: "ביי מיר דערלייגט מען נישט", "ווער עס נעמט פון מיר דער באקומט פון מיר".

נאך א קליין טענצל האט מען צוביסלעך ארויסגעלאזט די חשוב'ע קינדער לויט די עלטער פון די כתות, עס זאל נישט צוקומען חלילה צו קיין געדרענג. אבער אפילו די קינדער וואס האבן נישט געוואונען האבן אומגערישט באקומען גאר א שיינע מתנה אויסגייענדיג פון זאל. דעם נייעם בוך "מיין מעשה'לע". מען האט טאקע ערוועגט פאר די קינדער אז דער ביכל איז מעשיות וואס איז אריינגעשיקט געווארן צו די מערכת דורך די חשוב'ע קינדער, א קינד ווייסט קיינמאל נישט וואס פארא התעוררות און לימוד ער קען געבן און אויסלערנען פאר אנדערע קינדער וויאזוי א איד איז קיינמאל נישט פארלוירן, און מען קען אויף יעדן פאל מתפלל זיין און זען וואונדער וויאזוי דער אויבערשטער האט זייער ליב א תפלה פון א איד בפרט פון א קינד.

דעריבער האט מען זייער געבעטן די חשוב'ע קינדער זאלן נישט האלטן ביי זיך דעם סוד, נאר דערציילן זייערע מעשה'לעך אין טעל-ליין ביי קנעפל 7.

מען האט טאקע געזען משך די לעצטע טעג אז פילצאליגע קינדער האבן אריינגערופן און פארציילט גאר שיינע מעשיות וויאזוי זיי האבן מתפלל געווען און זיך געשטארקט מיט די עצות פון רבי'ן און געהאלפן געווארן.

יעצט ערווארט מען אז די קינדער זאלן פריש זיך באנייען און מען בעט טאקע פון די חשוב'ע עלטערן זאל העלפן און שטארקן די קינדער צו לערנען און מאכן די בחינות אויף די מעשיות.

אזוי אויך א בקשה צו די גבאי בית המדרש די בכל אתר ואתר וועלכע ווילן מען זאל לערנען און זיך פארהערן די שאלות ביי זיי אין שול, קענען זיך ווענדן צו די מערכת צו באשטעלן די גליונות, אזוי אויך די הערליכע קארטלעך וואס איז שוין ברייט באקאנט אין אסאך ברסלב'ע שולן אין ארץ ישראל מיט הערליכע בילדער און אויסצוגן פון רבינ'ס ווערטער.

עס איז בוודאי יא דא!!

**די הגרלה אויף די שאלה פון מלך וועט בעז"ה פארקומען קומענדיגן זונטאג פ' אמור**

## דרשת הרה"ח
# ר' שמעון אלי' ברוין הי"ו
# במעמד סיום סיפורי מעשיות
## חול המועד פסח

די ערשטע זאך דאנקט מען דעם אויבערשטן, פאר אזא גרויסע נס! מען קען זאגן אז דאס איז איינע פון די ניסים פון פסח. עס איז דאך א זמן פון ניסים, יציאת מצרים קריאת ים סוף.

דא איז געשען אזא גרויסע נס. מן הסתם איז דאס די ערשטע מאל אין דער וועלט וואס עס קומט פאר אזא זאך, אז אזויפיל קינדער נעמען זיך צוזאם צו מאכן א סיום אויף סיפורי מעשיות, לכאורה איז נאך נישט געווען אזא זאך מימות בריאת העולם א סיום פון אזויפיל קינדער צוזאמען בליעה"ר. עס קען זיין מען וואלט ווען געדארפט מאכן א ברכת שהחיינו בשם ומלכות.

דער הייליגער רבי האט געזאגט: "מיין פייעריל וועט שוין טלוען ביז משיח וועט קומען", דאס איז איינע פון די זאכן וואס מען זעט ווי עס הייבט אן צו ברענען און מען גרייט אונז אן צו די גאולה שלימה. דאנקט מען היינט דעם אויבערשטן אויף דעם זאך.

די צווייטע זאך, פותחין בכבוד אכסניא. מען דארף האבן הכרת הטוב, עס איז דעם רבי'נס זאך, אבער דער רבי האט זיינע גוטע שלוחים... אלע טייערע אינגעלייט וואס זענען פארנומען מיט דעם און האבן מצליח געווען דאס אריינצוברענגען אין דער וועלט, נישט מער נישט ווייניגער, אז קינדער זאל מאכן א סיום אויף סיפורי מעשיות.

לכאורה וואס איז די גרויסע חידוש?! לאמיר זען קינדער, ווען איז די צייט וואס מען לערנט סיפורי מעשיות? וועלכע קינדער ווייסן ווען איז די באשטימטע צייט פארדעם?

שבת נאכן דאווענען!

וויפיל צייט לערנט מען דאס?!



אפשר צען מינוט, א פערטל שעה!

שטעלט אייך פאר, א אינגל זאל לערנען די גמרא אין חדר נאר א פערטל שעה א וואך, וואס וואלט געווען מיט אים?! ער וואלט גארנישט געדענקט און גארנישט געוואוסט! ביז היינט איז די סיפורי מעשיות געווען א באהאלטענע זאך, א סוד! מען האט מגלה געווען די סיפורי מעשיות נישט מער ווי אפאר מינוט א וואך. יעצט איז געקומען די צייט וואס דער רבי איז מגלה דעם סוד פאר דער גאנצער וועלט און ער הייבט אן מיט די קינדער!

ביי מתן תורה איז אויך געווען אזוי מען האט אנגעהויבן מיט די קינדער, ווי עס ווערט געברענגט אין מדרש. די תינוקות של בית רבן זיי ברענגען ארויס די זאך!

עס איז דא דריי זאכן וואס דער רבי שרייבט אנהייב פאר סיפורי מעשיות. [אויף דעם איז אויך געווען בחינות?] מן הסתם געדענקען די קינדער די דריי זאכן. מיר וועלן רעדן וועגן איינע פון די זאכן.

דער רבי זאגט אז געווענליך ווען מען דערציילט מעשיות, עס איז דא א קליין קינד אין שטוב וואס וויל נישט איינשלאפן וואס טוט מען? מען דערציילט אים מעשה'לעך אזוי שלאפט ער איין. דער רבי זאגט 'מיינע מעשיות טוען פונקט פארקערט, אנשטאט עס זאל איינשלעפן, וועקט עס אויף!' און אז דער רבי האט אזוי געזאגט, האט ער נישט סתם געזאגט! עס איז נישט סתם א מעשה'לע! עס ליגט אין דעם א מורא'דיגע סוד. עס וועקט אויף צו יראת שמים צו עבודת השם.

מען האט שוין געהערט זאכן סיי פון דערוואקסענע אידן, אזוי אויך האבן די טייערע אינגלייט וואס געבן זיך אפ מיט דעם גליון האבן מיר פארציילט אז זייט די קינדער לערנען די סיפורי מעשיות זענען אסאך מענטשן און בפרט די קינדער זענען זייער נתעורר געווארן צו עבודת השם.

יעדער אינגל ווייסט אז ווען מען דערציילט א מעשה ווערט מען נתעורר, עס דערוועקט. איך האב היינט געהערט פון א איד וואס איז שוין אכציג יאר אלט און ער געדענקט נאך א מעשה וואס מען האט אים דערציילט אלס קינד, עס איז אים אזוי שטארק אריין אין די ביינער אז ביז היינט איז ער נתעורר פון דעם מעשה צו עבודת השם!

קינדער האבן נאך ריינע הערצער, מען איז נאכנישט פארשמירט, ווען מען הערט די מעשיות גייט עס אריין טיף אין הארץ. א אינגל ווייסט נישט וואס עס געשעט מיט אים ווען ער לערנט די הייליגע מעשיות, עס גייט אים אריין א דיבור פון די מעשיות, צי עס איז א ווארט פון די ערשטע מעשה פון די בת מלך, חכם ותם אדער דער בעל תפלה, די בעטלער'ס, עפעס א דיבור וואס גיבט אים א כאפ און ברענגט אים אזא מין יראת שמים אזא מין אהבת השם, עס איז א געוואלדיגע זאך וואס די קינדער ווייסן פון דעם און האבן זיך שוין געוויס איבערגעצייגט.



דער רבי זאגט אויך אז עס ברענגט בני, חיי ומזוני, מיר ווייסן נישט וועלכע ישועות עס קען ברענגען!

מיר ווילן דאך עס זאל וואקסן א דור פון ערליכע אידן, די אינגלעך וואס וועלן לערנען סיפורי מעשיות וועט פון זיי וואקסן א דור פון יראת שמים. עס איז היינט אזא דור, מען דארף נישט צופיל מסביר זיין, בפרט יעצט קומט א גרויסער זומער, מען דארף קענען אכטונג געבן די אויגן אין גאס, מען דארף קענען בלייבן אן ערליכער איד. מיר האבן דעם ענטפער, דער רבי האט פאר אונז א סוד, סיפורי מעשיות! וואס מער מען לערנט דאס, ברענגט דאס אריין יראת שמים!

מען האט איבערגערעדט מיט די חשוב'ע אינגעלייט וואס פירן "דעם רבי'נס ליכט", זיי געבן א הסכמה צו דעם. ביז היינט האט מען געמאכט די בחינות אויף א וועג פון 'איין תשובה צו דריי שאלות'. עס איז אבער דא נאך א וועג צו קענען געדענקען, דאס איז א פשוט'ע וועג, אזוי ווי די קינדער לערנען משניות, דארט מאכט מען נישט די סארט שאלות. וויאזוי קען א אינגל משניות ברבות אויף אויסנווייניג?! אז ער חזר'ט עס איבער איינמאל און נאכאמאל, אזוי געדענקט מען דאס.

פון היינט טאנצן מיר אריין אין א נייעם פראיעקט. די קינדער וועלן האבן א נייע סארט וועג פון קענען די מעשיות אויסנווייניג - בעל פה! אזוי ווי משניות.

קינדער וועלכע וועלן קענען סיפורי מעשיות אויפן לשון וועלן זוכה זיין צו אן עקסטערע פרס - אן עקסטערע מתנה. דאס איז נאר 'דברה תורה כנגד יצר הרע'. די גרעסטע ריווח וואס מען וועט פארדינען אז די קינדער וועלן געדענקען סיפורי מעשיות בעל פה.

עס איז זיכער אז דאס וועט אייך ברענגען אסאך יראת שמים, אייערע עלטערן וועלן פלוצלינג באמערקן אויף אייך און פרעגן: "וואס איז געשען מיט דעם אינגל? מען דערקענט אים נישט, ער זוכט עבודת השם ער זוכט תפלה, גוטע מידות, ער איז מכבד די עלטערן, וואס האט זיך געטוישט דא?!".

דער רבי זאגט טאקע: "די וועלט וועט זיך וואונדערן אויף די אהבה, עס וועט זיך וואונדערן אויף די חשיבות פון די ברסלב'ע קינדער".

דאס וועט צוברענגען אז מען זאל זען ווי שיין און ווי טייער און ליכטיג איז צו זיין אן ערליכער איד. דאס איז די גאנצע זאך וואס דער רבי טוט מיט אונז און דאס וועט אונז זיכער צוגרייטן צו די גאולה שלמה וואס דערנענטערט זיך, בפרט אין די טעג וואס עס שטייט אז 'בניסן נגאלו ובניסן עתידין להיגאל' בשמחה ובטוב לבב.

די מַעֲשֶׂה וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט




שיחות נאך די מעשיות

אִיבֶּערְגֶעאַרְבֶּעט דוּרְךְ **״מְכוֹן שָׁנִים קַדְמוֹנִיּוֹת״** – לוֹיטְן הַיינְטִיגְן אִידִישׁ – אָן צוּ פַּארְעֶנְדֶערְן דֶעם רֶבִּינְ׳ס לָשׁוֹן / פּוּנְקְטְלִיךְ אִיבֶּערְגֶעקוּקְט פוּנֶעם עֶרְשְׁטְן דְרוּק שְׁנַת תקע״ו
פוּן רַבִּי נָתָן זיע״א, אוּן פוּנֶעם צְוֵייטְן דְרוּק שְׁנַת תר״י פוּן זַיין תַּלְמִיד רַבִּי נַחְמָן מִטוּלְטְשִׁין ז״ל / דִי אַיינְגֶערִינְגֶעלְטֶע וֶוערְטֶער () זֶענֶען עֶרְקְלֶערוּנְגֶען פוּן רַבִּי נָתָן זיע״א /
דִי אַיינְגֶעקֶעסְטֶעלְטֶע וֶוערְטֶער [] זֶענֶען עֶרְקְלֶערוּנְגֶען פוּנֶעם ׳סִפּוּרֵי־מַעֲשִׂיּוֹת׳ בִּלְשׁוֹן־הַקוֹדֶשׁ, אָדֶער אֵייגֶענֶע עֶרְקְלֶערוּנְגֶען [פַאר בַּאמֶערְקוּנְגֶען: 7631800@gmail.com]

# שִׂיחוֹת שֶׁאַחַר סִפּוּרֵי הַמַּעֲשִׂיּוֹת

## א – דִי ׳הֶענְג־לַייכְטֶער׳

**מַעֲשֶׂה! – אֵיינֶער אִיז אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען פוּן זַיין טַאטְן, אוּן עֶר אִיז גֶעוֶוען אִין אַנְדֶערֶע לֶענְדֶער, אַסַאךְ צַייט, בַּיי אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן!**

**אוּן נָאךְ אַ שְׁטִיקְל צַייט, אִיז עֶר** [צוּרִיק] **גֶעקוּמֶען צוּ זַיין טַאטְן! – אוּן עֶר הָאט זִיךְ בַּארִימְט: ״אַז עֶר הָאט זִיךְ גֶעלֶערְנְט דָארְט אַ גְרוֹיסְן פַּאךְ – צוּ מַאכְן אַ ׳לַייכְטֶער וָואס הֶענְגְט׳! מְ׳רוּפְט דָאס: אַ ׳הֶענְג־לַייכְטֶער׳!**

**אוּן עֶר הָאט גֶעהֵייסְן: ״**[אַז] **מְ׳זָאל צוּזַאמְנֶעמֶען אַלֶע פַּאכְלַייט וָואס קֶענֶען דָאס מַאכְן! אוּן עֶר וֶועט זֵיי וַוייזְן זַיין חָכְמָה אִינֶעם דָאזִיגְן פַּאךְ״!**

**אוּן זַיין טַאטֶע הָאט טַאקֶע אַזוֹי גֶעטוּהְן – עֶר הָאט צוּזַאמְגֶענוּמֶען אַלֶע פַּאכְלַייט וָואס קֶענֶען דָאס מַאכְן – אַז זֵיי זָאלְן זֶעהְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן זַיין זוּהְן, וָואס עֶר הָאט אוֹיפְגֶעטוּהְן, דוּרְכְאוֹיס דִי צַייט וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען בַּיי אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן!**

**אוּן דֶער זוּהְן הָאט אַרוֹיסְגֶענוּמֶען ׳אֵיין לַייכְטֶער׳ וָואס עֶר הָאט גֶעמַאכְט! – אוּן דָאס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר פַּארְמִיאוּסְ׳ט אִין אַלֶעמֶענְס אוֹיגְן!**

**אוּן זַיין טַאטֶע אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּ זֵיי, אוּן הָאט זֵיי גֶעבֶּעטְן: ״אַז זֵיי זָאלְן אִים מְגַלֶּה זַיין דֶעם אֱמֶת״! – אוּן זֵיי הָאבְּן אִים גֶעמוּזְט אוֹיסְזָאגְן דֶעם אֱמֶת: ״אַז דָאס אִיז זֵייעֶר מִיאוּס״!**

**אוּן דֶער זוּהְן הָאט זִיךְ בַּארִימְט: ״עֶטְס הָאטְס דָאךְ גֶעזֶעהְן דָאס קְלוּגְשַׁאפְט פוּן מַיין פַּאךְ״?!**

**הָאט אִים זַיין טַאטֶע גֶעלָאזְט וִויסְן: ״אַז סְ׳זֶעהְט נִישְׁט אוֹיס גוּט בַּיי קֵיינֶעם״!**

**הָאט אִים דֶער זוּהְן גֶעזָאגְט: אַדְרַבָּא! פּוּנְקְט פַּארְקֶערְט! מִיט דֶעם הָאבּ אִיךְ זֵיי בַּאוִויזְן מַיין ׳גְרוֹיסְקֵייט׳! – וַוייל אִיךְ הָאבּ זֵיי אַלֶע גֶעוִויזְן, זֵייעֶר ׳חִסָּרוֹן׳! וַוייל אִינֶעם דָאזִיגְן ׳הֶענְג־לַייכְטֶער׳, גֶעפִינֶען זִיךְ דִי ׳חֶסְרוֹנוֹת׳ פוּן יֶעדְן אֵיינֶעם פוּן דִי ׳דָאזִיגֶע פַּאכְלַייט׳ וָואס גֶעפִינֶען זִיךְ דָא!**

**גִיבּ נָאר אַ קוּק וֶועסְטוּ זֶעהְן: אַז בַּיי אֵיינֶעם, אִיז מִיאוּס דָאס ׳דָאזִיגְן שְׁטִיקְל׳! אָבֶּער אַ ׳אַנְדֶערֶע שְׁטִיקְל׳, אִיז בַּיי אִים זֵייעֶר שֵׁיין! – אוּן בַּיי אַ צְוֵייטְן אִיז פּוּנְקְט פַּארְקֶערְט! נָאר אַדְרַבָּא! דָאס ׳דָאזִיגְן שְׁטִיקְל׳ וָואס אִיז מִיאוּס בַּיי זַיין חַבֵר – אִיז בַּיי אִים, שֵׁיין אוּן ווּאוּנְדֶערְלִיךְ אִין זַיינֶע אוֹיגְן! נָאר דָאס ׳דָאזִיגְן** [אַנְדֶערְן] **שְׁטִיקְל׳ אִיז בַּיי אִים מִיאוּס!**

**אוּן אַזוֹי וַוייטֶער בַּיי אַלֶע אַנְדֶערֶע פוּן זֵיי: אַז דָאס וָואס סְ׳אִיז שְׁלֶעכְט בַּיי דֶעם, אִיז שֵׁיין בַּיי זַיין חַבֵר! – אוּן אַזוֹי אוֹיךְ פַּארְקֶערְט!**

**אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעמַאכְט** [צוּזַאמְגֶעשְׁטֶעלְט] **דֶעם דָאזִיגְן ׳הֶענְג־לַייכְטֶער׳, בְּלוֹיז פוּן זֵייעֶרֶע ׳חֶסְרוֹנוֹת׳ אַלֵיין! – כְּדֵי דֶערְמִיט צוּ וַוייזְן פַאר זֵיי אַלֶע: אַז זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין שְׁלֵימוּת! אוּן יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט אַ ׳חִסָּרוֹן׳! – וַוייל וָואס סְ׳אִיז שֵׁיין אִין זַיינֶע אוֹיגְן, אִיז אַ ׳חִסָּרוֹן׳ בַּיי זַיין חַבֵר!**

**אָבֶּער בֶּאֱמֶת – קֶען אִיךְ מַאכְן** [אַ שְׁלֵימוּתְ׳דִיגֶע ׳הֶענְג־לַייכְטֶער׳] **וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין** [אָן קַיין שׁוּם חֶסְרוֹנוֹת]**!**

[זָאגְט רַבֵּינוּ ז״ל]: **אוֹיבּ מְ׳וָואלְט גֶעוואוּסְט אַלֶע ׳חֶסְרוֹנוֹת׳ אוּן ׳אָפְּהַאלְטוּנְג׳** [מְנִיעוֹת] **פוּן אַ זַאךְ – וָואלְט מֶען גֶעקֶענְט וִויסְן דִי ׳אֵייגְנְשַׁאפְט׳ פוּן דִי זַאךְ – אֲפִילוּ מְ׳הָאט דָאס קַיינְמָאל נִישְׁט גֶעזֶעהְן!**

## ב – גְּדוֹלִים מַעֲשֵׂי הַשֵּׁם

[פַאר שַׁבָּת חֲנוּכָּה – שְׁנַת תקס״ה]

[דִי אַיינְגֶערִינְגֶעלְטֶע הוֹסָפוֹת () אִינֶעם דָאזִיגְן שִׂיחָה, אִיז גֶענוּמֶען פוּן: 1) שִׂיחוֹת־הָרַ״ן שו. 2) חַיֵּי־מוֹהֲרַ״ן עה. 3) הַקְדָּמָה שְׁנִיָּה לְסֵפֶר־הַמִּדּוֹת].

(דֶער דָאזִיגֶער שִׂיחָה, בַּאלַאנְגְט צוּ ׳סֵפֶר־הַמִּדּוֹת׳ (דַּעַת ח״ב א) – וָואס הֵייבְּט זִיךְ אָן מִיט דִי דָאזִיגֶע וֶוערְטֶער: ״**זָאלְסְט וִויסְן: אַז צוּ אַלֶע עוֹלָמוֹת אוּן צוּ יֶעדְן בַּאשֶׁעפֶענִישׁ**״ וְכוּ׳! – עֶס זֶעהְט מִיר אוֹיס: אַז דָאס בַּאלַאנְגְט צוּם ׳דָאזִיגְן שְׁמוּעֶס׳ **וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּן זַיין הֵיילִיגְן מוֹיל – פַאר שַׁבָּת חֲנוּכָּה שְׁנַת תקס״ה** – פוּן דֶעם עִנְיָן וָואס רֶעדְט זִיךְ פוּן דִי בַּאשֶׁעפֶענִישְׁן פוּן דִי וֶועלְט).

**״גְּדוֹלִים מַעֲשֵׂי הַשֵּׁם״** [תְּהִלִּים קיא, ב]. **״גְרוֹיס זֶענֶען דִי וֶוערְק פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן״! – ״אֵיין מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט גְלַייךְ צוּם אַנְדֶערְן! אוּן אַלֶע צוּרוֹת** [אוּן אַלֶע בִּילְדֶער, פוּן אַלֶע מֶענְטְשְׁן]**, זֶענֶען גֶעוֶוען אִין ׳אָדָם־הָרִאשׁוֹן׳״** [סַנְהֶדְרִין פ״ד מ״ה].

**דָאס הֵייסְט: אַז אִין דָאס וָוארְט ״**[נַעֲשֶׂה] **אָדָם״** [בְּרֵאשִׁית א, כו] **אַלֵיינְס, זֶענֶען גֶעוֶוען אַרַיינְגֶערֶעכְנְט** [עֶס עֶנְטְהַאלְט אִין זִיךְ] **דִי אַלֶע צוּרוֹת** [אַלֶע סָארְט גֶעשְׁטַאלְטְן פוּן אַלֶע מֶענְטְשְׁן פוּן דֶער וֶועלְט]**!**

(אוּן אַזוֹי אוֹיךְ דִי וֶוערְטֶער פוּן: ״בְּהֵמָה וְחַיָּה״ וְכוּ׳ [בְּרֵאשִׁית א, כד], וָואס שְׁטֵייט בַּיי דִי ׳מַעֲשֵׂה־בְּרֵאשִׁית׳ – אִיז אִינֶעם דָאזִיגְן וָוארְט,

אויף אַרײַנגערעכנט [דאָס ענטהאַלט אין זיך] אַלע געשטאַלטן פון יעדן בְּהֵמָה און חַיָּה).

און אַזוי אויך בײַ אַלע אַנדערע זאַכן [באַשעפענישן]! – אַלע "מְאוֹרוֹת" [לעכטיגקייט – באַלײַכטערס], זענען געווען אַרײַנגערעכנט אינעם וואָרט "אוֹר" [בְּרֵאשִׁית א, ג] אַליינס! – און אַזוי אויך אַלע אַנדערע זאַכן – דְּהַיְינוּ: אַלע 'מַעֲשֵׂה־בְרֵאשִׁית'! – און אֲפִילוּ די 'בלעטער פון אַ בוים', איז נישט גלײַך, איינס צום אַנדערן!

און ער [רַבֵּינוּ זַ"ל] האָט זייער מַאֲרִיךְ געווען אינעם דאָזיגן זאַך! – און ער האָט דעמאָלט געזאָגט: אַז ס'איז פאַרהאַן אויף דער וועלט [אַזעלכע] 'חָכְמוֹת', וואָס מ'קען לעבן מיט די 'חָכְמוֹת' אַליינס, אָן קיין שום עסן און טרינקען [זעה זֹהַר בְּשַׁלַּח סב.]! – ווײַל אֲפִילוּ אויף 'דער וועלט' איז פאַרהאַן 'וואונדערלעכע זאַכן' און 'הויכע פּרעכטיגע חָכְמוֹת', וואָס מ'קען לעבן מיט זיי [די דאָזיגע חָכְמוֹת] אַליינס, אָן קיין שום עסן און טרינקען!

און ער האָט דעמאָלט מַאֲרִיךְ געווען, מיט אַ וואונדערלעכע און פּרעכטיגע שְׁמוּעֶס. (און מיר האָבן נישט זוֹכֶה געווען דאָס אַראָפּצושרײַבן).

## ג – דער 'פְּלוּמְפּ'

[שָׁבוּעוֹת – שְׁנַת תקס"ז]

(די מַעֲשֶׂה פונעם 'פערד מיטן פּלומפּ', איז געזאָגט געוואָרן **שָׁבוּעוֹת שְׁנַת תקס"ז** אין די שטאָט זאַסלאַב. חַיֵּי־מוֹהֲרַ"ן נט)

[די אײַנגערינגעלטע הוֹסָפוֹת () אינעם דאָזיגן שִׂיחָה, איז גענומען פון: 1) חַיֵּי־מוֹהֲרַ"ן קנא. 2) שִׂיחַ־שַׂרְפֵי־קֹדֶשׁ הֶחָדָשׁ ח"ג תתיד, מִכְּתַב־יַד רַבִּי נַפְתָּלִי זַ"ל].

**[אות א]** לְגַבֵּי די זאַך וואָס מ'האָט פאַרציילט פון איינעם (פון אונזערע חֲבֵרִים): וואָס איז געווען דעמאָלט אין אַ גרויסן שטאָט פון די גוי'שע שטעט (אין פּעטערבורג), און ער האָט זיך דאָרט אויפגעהאַלטן אַסאַך צײַט – ווײַל יעדן מאָל האָט זיך אים צוגעדאַכט: "אַז 'יעצט' וועט ער אויפטוהן"! – און אַזוי אויך יעדן מאָל [האָט זיך אים אַזוי צוגעדאַכט]! – אַז ער האָט זיך [צוליב די דאָזיגע דִמְיוֹנוֹת] זייער אַסאַך אויפגעהאַלטן דאָרט!

(אין 'חַיֵּי־מוֹהֲרַ"ן' קנא, שרײַבט מוֹהַרְנַ"ת זַ"ל: און דאַן אין יענע יאָהר [שְׁנַת תקס"ז], האָב איך געמוזט זײַן פאַרוואָגלט פון מײַן פּלאַץ פון 'נעמרוב', קיין 'מאָהליב'! – און אין יענעם יאָהר זענען צומישט געוואָרן אַסאַך פון אונזערע לײַט! **רַבִּי אַבְרָהָמְ'טשע איז געווען אין פּעטערבורג!** און אַסאַך זענען זייער צומישט געוואָרן! – און רַבֵּינוּ זַ"ל אַליינס איז אין יענעם יאָהר געווען נע־ונד, בײַ די גרויסע נְסִיעָה וְכוּ')!

און ער [רַבֵּינוּ זַ"ל] האָט געזאָגט: אַז אַזוי גייט דער סֵדֶר ווען מ'קומט אָן צו אַזעלכע פּלעצער, אַז יעדן מאָל דאַכט זיך: "יעצט וועל איך אויפטוהן! יעצט וועל איך אויפטוהן"!

**[אות ב]** און ער האָט פאַרציילט אַ מַעֲשֶׂה: אַז איינמאָל איז געווען אַ מענטש, וואָס ער האָט נישט געגלייבט אין דעם וואָס די וועלט זאָגט: "אַז ס'איז פאַרהאַן 'לֵצִים' פון די 'סִטְרָא־אַחֲרָא', וואָס זיי קומען צומאָל און פאַרנאַרן די מענטשן, אַזוי־ווי ס'האָט שוין אַסאַך מאָל פּאַסירט! – און 'יענער מענטש' האָט נישט געגלייבט דערין!

איינמאָל בײַנאַכט – קומט צו אים עפּעס אַ 'לֵץ', און ער רופט אים אַרויס: "אַז ער זאָל אַרויסקומען אינדרויסן"! – און ער גייט אַרויס אינדרויסן! און דער 'לֵץ' ווײַזט אים: "אַז ער האָט אַ 'שיינעם פערד' צו פאַרקויפן"!

און ער זעהט: "אַז דאָס איז טאַקע 'זייער אַ שיינעם פערד'! – און ער פרעגט אים [פונעם 'לֵץ']: "וויפיל ווילסטו דערפאַר"?! – ענטפערט אים דער 'לֵץ': "פיר רענדלעך"! – און ער זעהט: "אַז דאָס איז רואיגערהייט ווערט 'אַכט רענדלעך', ווײַל ס'איז 'זייער־אַ־גוטע אויסדערוועלטע פערד'!

האָט ער אָפּגעקויפט פון אים דאָס 'פערד', פאַר 'פיר רענדלעך'! – און דאָס איז געווען בײַ אים אַ 'גרויסע מְצִיאָה'!

אויפצומאָרגנס, נעמט ער אַרויס דאָס 'פערד' צו פאַרקויפן! – און זיי זענען געשטאַנען [זיך מִתְוַוכֵּחַ געווען] אויפן פּרײַז, און האָבן אים געוואָלט געבן עפּעס אַ סְכוּם געלט! – האָט ער געזאָגט: "מִן־הַסְּתָם אויב זיי געבן מיר אַזאַ סְכוּם, איז [אַ רְאָיָה אַז] דאָס איז דאָפּלט ווערט"! – און ער האָט נישט מַסְכִּים געווען [דאָס צו פאַרקויפן פאַרן סְכוּם וואָס זיי האָבן אים געוואָלט געבן]!

האָט ער ווײַטער אַוועקגעפירט דאָס 'פערד'! און מען האָט אים שוין געוואָלט געבן דאָפּלט ווי ער האָט געוואָלט! – האָט ער געזאָגט: "מִן־הַסְּתָם איז דאָס ווערט נאָך מער ווי דאָפּלט פון דעם סְכוּם [וואָס מ'האָט אים יעצט געוואָלט געבן]"!

אַזוי פירט ער דעם 'פערד' נאָך ווײַטער! – ביז ס'איז אַרויפגעגאַנגען די פּרײַז פון פאַרקויפן דעם פערד, צו 'טויזנטערס'! – און ער איז זיך מיט קיינעם נישט דורכגעקומען, דאָס צו פאַרקויפן! ווײַל וועלכן פּרײַז מ'האָט אים נאָר געוואָלט געבן דערפאַר, האָט ער

גֶעזָאגְט: "מִן-הַסְתָּם אִיז דָאס וֶוערְט נָאךְ מֶער וִוי דָאפְּלְט [פּוּנֶעם סְכוּם וָואס מְ'וִויל אִים גֶעבְּן]"! - בִּיז סְ'אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קֵיינֶער וָואס הָאט דָאס גֶעקֶענְט קוֹיפְן, נָאר דֶער 'קֶענִיג'!

הָאט עֶר דָאס גֶעפִירְט צוּם 'קֶענִיג'! - אוּן דֶער 'קֶענִיג' הָאט אִים גֶעוָואלְט גֶעבְּן דֶערְפַאר, אַ 'רִיזִיגְן סְכוּם גֶעלְט'! וַוייל דֶער 'פֶערְד' אִיז זֵייעֶר וואוֹיל-גֶעפֶעלְן פַאר יֶעדְן אִין דִי אוֹיגְן!

אוּן עֶר הָאט זִיךְ מִיטְן 'קֶענִיג' אוֹיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט דוּרְכְקוּמֶען! - וַוייל עֶר הָאט גֶעזָאגְט [דֶער דָאזִיגֶער מֶענְטְשׁ]: "מִן-הַסְתָּם אִיז דָאס וֶוערְט מֶער"! - בִּיז דֶער 'קֶענִיג' הָאט שׁוֹין אוֹיךְ נִישְׁט גֶעקוֹיפְט דָאס 'פֶערְד'!

**[אוֹת ג]** אוּן עֶר אִיז אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען פוּנֶעם 'קֶענִיג' מִיטְן 'פֶערְד', דָאס אָנְצוּטְרֶענְקֶען! - אִיז גֶעוֶוען דָארְט אַ 'פְלוּמְפּ' וָואס פוּן דֶעם גִיבְּט מֶען צוּ טְרִינְקֶען! [אַזַא סָארְט 'וַואסֶער טַאנְק' מִיט אַ 'קְרַאן' - וָואס מְ'זֶעהְט דָאס נָאךְ הַיינְט אִין 'אוּקְרַיינֶע' אִינְדְרוֹיסְן אוֹיפְן גַאס]! - אוּן דָאס 'פֶערְד' אִיז אַרַיינְגֶעשְׁפְּרוּנְגֶען אִינֶעם 'פְלוּמְפּ', אוּן אִיז דָארְט נֶעלַם גֶעוָוארְן, אוּן עֶר אִיז נִישְׁט דָא! - דָאס הֵייסְט: אַז סְ'הָאט זִיךְ אִים נָאר אַזוֹי צוּגֶעדַאכְט [גֶעדְמְיוֹנְ'ט]! וַוייל דִי גַאנְצֶע זַאךְ מִיטְן 'פֶערְד', אִיז נָאר גֶעוֶוען אַ 'מַעֲשֵׂה-לֵצִים'!

הָאט עֶר זֵייעֶר גֶעשְׁרִיגְן דֶערוֹיף! - הָאבְּן זִיךְ דָארְט צוּזַאמְגֶענוּמֶען מֶענְטְשְׁן, צוּם קוֹל פוּן זַיין גֶעשְׁרֵיי, אוּן הָאבְּן אִים גֶעפְרֶעגְט: "וָואס שְׁרֵייסְטוּ"! - הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אַז זַיין 'פֶערְד' אִיז אַרַיינְגֶעשְׁפְּרוּנְגֶען אִינֶעם 'פְלוּמְפּ'"!

הָאבְּן זֵיי אִים [דֶעם דָאזִיגְן מֶענְטְשׁ] צוּזַאמְגֶעשְׁלָאגְן, "צוּהַאקְט אוּן צוּבַאלְט" [מְלָכִים-א כ, לז], וַוייל עֶר זֶעהְט אוֹיס וִוי אַ 'מְשׁוּגֶע'נֶער! - וַוייל דָאס 'לָאךְ פוּנֶעם פְלוּמְפּ' אִיז זֵייעֶר שְׁמָאל, אִיז וִויאַזוֹי קֶען זַיין אַז דִי 'פֶערְד' זָאל דָארְט אַרַיינְשְׁפְּרִינְגֶען?!

הָאט עֶר גֶעזֶעהְן: אַז מְ'שְׁלָאגְט אִים! אוּן עֶר זֶעהְט אוֹיס וִוי אַ מְשׁוּגֶע'נֶער! - הָאט עֶר גֶעוָואלְט אַוֶועקְגֵיין פוּן דָארְט! - אִינְצְוִוישְׁן וִוי עֶר וִויל נָאר אַוֶועקְגֵיין פוּן דָארְט, הָאט דֶער 'פֶערְד' אָנְגֶעהוֹיבְּן אַרוֹיסְצוּשְׁטְרֶעקְן זַיין קָאפּ פוּנֶעם 'פְלוּמְפּ'! - הָאט עֶר [דֶער דָאזִיגֶער מֶענְטְשׁ] נָאכְאַמָאל אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ שְׁרֵייעֶן: "גֶעוַואלְד! גֶעוַואלְד"! - וַוייל סְ'הָאט זִיךְ אִים צוּגֶעדַאכְט: "אַז זַיין 'פֶערְד אִיז דָארְט"!

הָאבְּן זִיךְ דִי מֶענְטְשְׁן נָאכְאַמָאל צוּזַאמְגֶעזַאמְלְט צוּ אִים, אוּן אִים נָאכְאַמָאל אָנְגֶעשְׁלָאגְן! וַוייל עֶר אִיז 'מְשׁוּגֶע', וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט! - אוּן עֶר הָאט נָאכְאַמָאל גֶעוָואלְט אַוֶועקְגֵיין פוּן דָארְט! - וִוי נָאר עֶר וִויל גֵיין, אָט שְׁטְרֶעקְט זִיךְ דֶער 'פֶערְד' נָאכְאַמָאל אַרוֹיס זַיין קָאפּ פוּנֶעם 'פְלוּמְפּ'! - הָאט עֶר [דֶער מֶענְטְשׁ] נָאכְאַמָאל אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ שְׁרֵייעֶן, וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט! - הָאבְּן זֵיי זִיךְ נָאכְאַמָאל צוּזַאמְגֶעזַאמְלְט צוּ אִים! אוּן אִים [נָאכְאַמָאל] גֶעשְׁלָאגְן, וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט!

**[אוֹת ד]** (דֶער נִמְשָׁל אִיז): דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז אוֹיךְ: אַז דִי סִטְרָא-אַחֲרָא פַארְנַארְט יֶעדְן מָאל דֶעם מֶענְטְשׁ, אוֹיף גָארְנִישְׁט, מִיט אַ 'רִיכְטִיגֶער שֶׁקֶר' וָואס אִיז גָארְנִישְׁט דָא דֶערִין! - אוּן עֶר וֶוערְט אִיבֶּערְגֶערֶעדְט נָאךְ אִיר, אוּן עֶר גֵייט נָאךְ אִיר! אוּן יֶעדְן מָאל דַאכְט זִיךְ אִים צוּ: "אַז עֶר וֶועט מֶער פַארְדִינֶען! אוּן מֶער עֶרְפִילְן זַיין 'גְלוּסְטוּנְג' [תַּאֲוָה]"! - אוּן עֶר לוֹיפְט נָאךְ אִיר אַסַאךְ צַייט! - אוּן פְלוּצְלִינְג וֶוערְן זֵיי נֶעלָם! אוּן אַלֶע זַיינֶע 'גְלוּסְטוּנְגֶען' [תַּאֲוֹות], אַנְטְלוֹיפְן אוּן וֶוערְן צוּרִינֶען!

אַזוֹי-וִוי עֶס פַּאסִירְט צוּמָאל: אַז אַלֶע 'גְלוּסְטוּנְגֶען' [תַּאֲווֹת] גֵייעֶן אַבִּיסְל אַוֶועק! אוּן וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ וִויל זִיךְ צוּשֵׁיידְן פוּן זֵיי, דַאן קוּמֶען זֵיי צוּרִיק אוּן שְׁטְרֶעקְן זִיךְ אַרוֹיס זֵייעֶר קָאפּ! אוּן עֶר יָאגְט זֵיי נָאכְאַמָאל נָאךְ! - אוּן אַזוֹי פִירְט זִיךְ דָאס וַוייטֶער: אַז גְלַייךְ וִוי זֵיי שְׁטְרֶעקְן נָאר אַרוֹיס זֵייעֶר קָאפּ, יָאגְט עֶר זֵיי נָאכְאַמָאל נָאךְ! - אוּן [רַבֵּינוּ זַ"ל] הָאט דָאס נִישְׁט עֶרְקְלֶערְט מֶער! - אוּן פַארְשְׁטֵיי גוּט!

## ד – אַ מַעֲשֶׂה פוּן אַ גְרוֹיסְן צַדִּיק

סְ'הָאט פַּאסִירְט אַ מַעֲשֶׂה מִיט אַ צַדִּיק, וָואס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק! - וָואס אִיז עֶר אִינְגַאנְצְן אִינְגַאנְצְן אַרוֹיס בִּשְׁלֵימוּת פוּן דִי תַּאֲוָה, וִוי סְ'דַארְף צוּ זַיין!

אוּן עֶר אִיז אַרוֹיף אִין דִי 'עוֹלָמוֹת עֶלְיוֹנִים'! - אוּן עֶר הָאט גֶעזֶעהְן: וִוי סְ'לִיגְט אִין אַ 'טָאפּ', שְׁטִיקֶער פְלֵייש מִיט בֵּיינֶער! - הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט: "וָואס אִיז דָאס"?! - הָאט מֶען אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אַז דָאס אִיז גֶעוֶוען אַ 'יְפַת-תּוֹאַר' - אוּן דָאס קוּמְט אִיר, וַוייל זִי הָאט גֶעזִינְדִיגְט"!

[זָאגְט דֶער רֶבִּי]: פוּן דֶעם קֶען מֶען זֶעהְן דִי שַׁאנְדֶע פוּן דִי תַּאֲוָה! - אוֹיבּ וֶועט מֶען אִיר צוּשְׁנַיידְן אוֹיף שְׁטִיקֶער, וֶועט דֶען נָאךְ אַלְץ שַׁייךְ זַיין דִי תַּאֲוָה?!

מזל טוב!!
לידידינו וידיד כל ילדי חדר ברסלב בית שמש
הרה"ח ר' יואל יאראוויטש הי"ו
ולבנו היקר אברהם נ"י
לרגל הבר מצוה שיתקיים היום יום חמישי פ' קדושים באולם וויזניץ מאנסי

יהי רצון שבזכות הפצה הנפלאה לגליון הזה בכלל ולעזרה והזמן שנותנים כל הזמן להילדים החשובים להגיע להסיום תרווה יחד עם ב"ב רוב נחת דקדושה ותזכה להיות מקושר לרבינו ולהפיץ את עצותיו ומעשיותיו הקדושים עד מאה ועשרים שנה. אמן

## די שיחות פון נאָך סיפורי מעשיות - (1)

**א. מיט וועלכע פאך האט זיך דער זוהן דער בארימט אז ער האט עס געלערנט?**
- ☐ שוסטערי
- ☐ שלייפן דימאנטן
- ☐ צו מאכן א הענג לייכטער

**ב. וועמען האט דער טאטע געבערנגט צו ווייזן די חכמה פון זיין זוהן?**
- ☐ די גאנצע מדינה
- ☐ אלע פאך לייט
- ☐ אלע פאכלייט פון די פאך מיט וואס דער זוהן האט זיך בארימט

**ג. איז זיי געפעלן דאס וואס דער זוהן האט געמאכט?**
- ☐ זיכער
- ☐ ס'איז פאר קיינעם נישט געפעלן
- ☐ פאר א טייל איז עס געפעלן און פאר א טייל נישט

**ד. וועלכע טייל איז זיי נישט געפעלן?**
- ☐ אלעס איז זיי געפעלן
- ☐ די גאנצע איז זיי נישט געפעלן
- ☐ פאר יעדער האט נישט געפאלן א אנדערע חלק

**ה. ענדיג צו די ווערטער פון דעם רבי'ן - עס איז דא חכמות וואס מ'קען מיט זיי לעבן...**
- ☐ מיט ווייניג עסן און טרונקען
- ☐ מיט ווייניג שלאף
- ☐ אהן קיין עסן און טרונקען

**ו. פארוואס האט זיך דער מענטש אויפגעהאלטן אין די גוי'אישע שטעט?**
- ☐ ווייל ער האט דארטן גאר אסאך פארדינט
- ☐ ווייל א גאנצע צייט האט אים אויסגעזעהן אז יעצט וועט ער אויפטוהן וואס ער וויל
- ☐ ווייל א גאנצע צייט האט מען אים געזאגט אז יעצט וועט ער אויפטוהן וואס ער וויל

**ז. וואס האט דער לץ געוואוזן?**
- ☐ אז ער האט א שיינע פערד צו פארקויפן
- ☐ אז ער האט א שיינע אייזל צו פארקויפן
- ☐ אז ער האט א שיינע קעמל צו פארקויפן

**ח. פאר וויפיל געלד האט ער עס אפגעקויפט פון דעם לץ?**
- ☐ פאר 8 רענדלדך
- ☐ פאר 4 רענדלדך
- ☐ פאר 26 רענדלדך

**ט. פארוואס האט ער נישט פאקויפט?**
- ☐ ווייל מ'האט אים נאר געוואלט צאלן 2 אדומים
- ☐ ווייל ער האט עס געוואלט פאר זיך
- ☐ ווייל וויפיל מ'האט אים געוואלט צאלן האט ער געטראכט אז ס'איז ווערד טאפעלט

**י. פארוואס האט עס דער מלך נישט געקויפט?**
- ☐ ווייל ס'איז נישט געווען גענוג שיין פארן קעניג
- ☐ ווייל דער מלך האט נישט געוואלט באצאלן אזוי פאס
- ☐ ווייל דער מענטש האט געטראכט אז מן הסתם איז עס ווערד נאכמער

**יא. וואס איז געשעהן ווען ער האט געוואלט געבן טרונקען פאר די פערד?**
- ☐ עס האט אים אויסגעזעהן וואו די פערד שפרינגט אריין אין א פלומפ (קראן – רער פון וואסער)
- ☐ די פערד איז אנטלאפן
- ☐ עס האט אים אויסגעזעהן וואו די פערד איז געשטארבען

**יב. פארוואס האט מען געשלאגען דעם מענטש?**
- ☐ ווייל ער האט זייער שטארק געשריגן
- ☐ ווייל ער האט געשלאגן די פערד
- ☐ ווייל ער האט געזאגט אז די פערד איז אריין געשפרונגען אין די פלומפ (רער וואסער), און ער האט אויס געזעהן משוגע

**יג. וואס האט ער געזעהן ווען ער האט געוואלט אוועק גיין פון דארט?**
- ☐ אז די פערד איז געשטארבען
- ☐ אז דער פערד איז אינדרויסן
- ☐ אז דער פערד הייבט אהן ארויס שטעקן זיין קאפ פון די פלומפ (רער וואסער)

**יד. וואס האט ער געטוהן ווען ער האט עס געזעהן?**
- ☐ ער האט אנגעהויבן וויינען
- ☐ ער האט אנגעהויבן צו זינגען
- ☐ ער האט נאכאמאל אנגעהויבן צו שרייען

**טו. ווען און וואו האט דער רבי' דערציילט די מעשה? (עיין חיי מוהר"ן אות נ"ט)**
- ☐ פסח תקס"ז אין שטאט ברסלב
- ☐ שבועות תקס"ז אין שטאט אומן
- ☐ שבועות תקס"ז אין שטאט זאסלב

**טז. וואס זאגט דער רבי' אז מ'קען זיך לערנען פון די מעשה?**

____________________________________

____________________________________

____________________________________

?

צו ענטפערן די בחינות און אריינגיין אינעם גורל, 02-5-3333-72

1-518-329-9149 646-518-1095



# מיין מדות ווינקל

## עֶסְן ווי אַ אִיד

### וואס געשעט ווען מען ברעכט?!

אינמיטן שלחן עורך האט ביי אונז אין שטוב איינער פון די קינדער אויסגעבראכן די אלע הייליגע מצות און צוויי כוסות וואס ער האט מיט אזא שמחה און פרייד געגעסן ביים הייליגן סדר נאכט.

אפשר איז נישט איידל צו רעדן אזוי, אבער איך קוק אריין אין שיסל און זאג פארן קינד געב א קוק אזעלכע טייערע מאכלים וואס דו האסט געגעסן, אזעלכע הייליגע רפואות, מצות, צוויי כוסות וויין, מרור, שלחן עורך א.א. וו. דאס איז דאך גאר טייערע ווערטפולע מאכלים וואס מען עסט נאר איינמאל א יאר, און יעצט איז אלעס געגאנגען ... אבער דאס קינד האט מיר געטרייסט מיט די מעשה פון דער בן מלך וואס מען האט אים באגאסן מיט גאר טייערע רפואות, דער מלך איז געווען גרייט צו אויסגעבן גאר אסאך געלט פון זיין פארמעגן אז אפשר וועט אריינטראפן עפעס פון די רפואות אין זיין מויל עס זאל קענען אויסהיילן דעם בן מלך.

האט מיין קינד אויסגעפירט: "זיכער איז עפעס געבליבן אין גוף עפעס פון די אלע טייערע מאכלים, אפילו גאר א קליינטשיקס פון די אלע זאכן איז גאר גאר טייער און חשוב!" און בכלל איז די מצוה אז מען זאל עס עסן, עס איז נישט קיין נפקא מינא וואס עס פאסירט מיט דעם נאכדעם!!

מיר וועלן טאקע אביסל ממשיך זיין וועגן דער ענין פון אכילה בקדושה, עסן ווי א ערליכער איד. נאכדעם וואס מיר אלע האבן זוכה געווען צו אזא לעכטיגן יום טוב פסח העבר עלינו לטובה ווען מען האט אזויפיל משקיע אין דעם ענין פון אכילה בקדושה 'סור מרע' נישט עסן אפי' א ברעקל חמץ און 'עשה טוב' עסן די הייליגע מצה א גאנץ פסח, און בפרט ליל הסדר וואס מען האט זוכה געווען צו עסן כרפס, מצה, מרור, אפיקומן, כורך, שלחן עורך, ד' כוסות א.א.וו.



טייערע קינדער, וויסן זאלט איר אז דער הייליגער רבי שרייבט אין ליקוטי מוהר"ן (תנינא ע"ז) אז יעדער איינער מוז האבן עפעס א צער יעדן טאג. אפילו דער גרעסטער צדיק און בפרט א גרויסער בר דעת, א בחינה אז 'ווי מער שכל מען האט אלס מער האט מען צער'. אבער דער

הייליגער רבי זאגט אז עס איז דא אן עצה ניצול צו ווערן פון דעם צער, נו וואס איז די עצה?! די עצה איז עסן בקדושה און מיט יראת שמים.

דאס מיינט אז ווען מען עסט מיט דרך ארץ און נישט עסן איבעריגע זאכן וואס עס פעלט נישט אויס פאר דער געזונט ווערט מען ניצול פון צער משך דעם גאנצן טאג.

נו פרעג איך אייך טייערע קינדערלעך לוינט זיך נישט צו געוועלטיגן אויפן גוף און האבן א ישוב הדעת און קענען פירן דעם מח פריי דאס וועט אונז ברענגען די פארקערט פון צער, שמחה מיט פרייד און נאנטקייט צום באשעפער, אזוי וועל איך וויסן וויפיל און וואס זאל איך עסן? וואס מאכט מיך באמת זאט און וואס איז מיר גורם דאס פארקערטע?

ווי איידער נתפעל צו ווערן פון די אלע קאלירטע אומוויכטיגע מאכלים, וואס רייצט אן די אפעטיט און די חושים, זיי שרייען און זיי זאגן פאר אלע איינוואוינער וועלכע זיצן ביים רייכן אנגעגרייטן טיש. טו א טובה דערנענטער זיך צו מיר, קאטשע ארויף די הארבל און הייב אן עסן וואס עס קומט דיר נאר אונטערן האנט.




עס איז טאקע א שווערע נסיון, בפרט פאר קינדער וואס גלייכן זייער צו נאשן און זיך אנעסן מיט אסאך אומגעזונטע נאשערייען וואס שפעטער שטערט דאס דעם לערנען און דאווענען, אבער מיר טארן נישט פארגעסן אז דער צדיק וחכם האמת האט אונז מגלה געווען אז די הויפט עצה צו מצליח זיין צו אנקומען צו יעדע גוטע זאך איז דורך התבודדות, זיך אויסגיסן דאס הארץ צום הייליגן באשעפער און שרייען געוואלד "רבונו של עולם ראטעווע מיר איך וויל זיך קענען קאנטראלירן און עסן ווי אן ערליכער איד, עסן נאר וואס עס פעלט מיר אויס און מאכט מיר נאנט צו דיר באשעפער."

נאך א זאך קינדערלעך טייערע, נישט פארגעסן צו טייער האלטן יעדע חוט השערה וואס איר זענט מצליח צו בייקומען דעם יצר הרע און שולט זיין אויף די תאוות ועזות הגוף, ווייל עס איז זייער חשוב אין הימל יעדע קליינע יגיעה און הארוואניע, שבע יפול צדיק וקם.

**חזקו ואמצו**

**א געזונטן ריינעם הייליגן זומער**


אשריכם ברסלב'ע אינגלעך
ברוכים
הבאים
כִּי עִקַּר
יְצִיאַת מִצְרַיִם
שֶׁכּוֹלֵל כָּל הַגָּלֻיּוֹת
הוּא עַל־יְדֵי
סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת
(נדרים ה')
בעזהשי"ת
יום שני ב' דחול המועד פסח
תשפ"ב בית שמש יצ"ו
סיום
יפורי
מעשיות
אײַערע קינדער זאָלט איר מודיע זײַן
וואס דאָ האָט זיך גיטאָן
למעמד
הגדול



